אויסלאָזען ווי דער קאמף פון דוד המלך מיט גלית הפלשתי, ווייל מיר געהן אויך בשם השם ובשם דת קדשנו, האָפען מיר אז עס וועט זיך אויסלאָזען ונצדק קדוש ואז צדיקים יראו וישמחו.

ועד הרבנים האורתודוכסים דפלך מאסאטשוזעטס.

## א איבערזעצונג

פון א לעטער וואָס די אגודת הרבנים האורתודוכסים דארצית הברית וקאנעדע האָט צוגעשיקט צום ועד הרבנים האורטודוכסים פון מאססאטשוזעטס סטייט.

---

עס זאָהל געשטארקט ווערען אייערע הענד אונזערע ברידער הרבנים הגאונים גדולי ישראל פון מאססאטשוזעטס סטייט אין אייער מלחמת מצוה אויספאָלגען די דיני התורה וואָס באלאנגט צום ריינעם פאמיליען לעבען, און וועגען די הפקירות פון „סדור קדושין" וואָס אויף דעם האָבען שוין געשריען די גאונים פון פאָריגע דורות, און זיי האָבען גע־פסק'נט דעם דין דאָס נאָר א ת"ח וואָס איז קלאָר אין די דינים פון קדושין מעג מסדר קדושין זיין. אויב ניט טאָר ער בשום אופן זיך ניט עסק זיין אין אזא הארבען אינהאלט, בפרט אין דיזע לאנד וואָס האָבען זיך געמעהרט מכשולים אין איסור ערוה און ממזר דורך די רעוורענדס „עמי־הארץ" און עבריינים געהרן און אומגעהרן וואָס זיינען מכשיל את הרבים אין איסורי תורה און פסולי קדושין; און די אגודת הרבנים האָבען שוין לאנג פיעל מאָל אויסגערופען וועגען די גרויסע מכשולים, און האָבען געגעבען צו וויסען ברבים אז נאָר דער וואָס איז א מורשה פון הרב מובהק מעג „מסדר קדושין" זיין.

איצט האָבען מיר געהערט וועגען דער גרויסע חוצפה וואָס די עבריינים האָבען זיך ערלויבט אין מאססאטשוזעטס סטייט. זיי ווילען פארדארבען די הייליגקייט און אריין נעהמען ביי זיי אין די הענד, דארום זאָגען מיר אייך אז עס איז א גרויסע מצוה ארויסצוגעהן געגען זייער טהאָט. און מיר פאָדערן פון אייך אונזערע ברידער רבנים דאָס איהר זאָלט טאָהן אלעס מעגליכעם צו פאר־שטארקען דיזען דין, עס זאָל ניט זיין הפקר „סדור קדושין". לאָזט ניט צו דיזען מכשול ביי אידען. רופט אויס און זייט מפרסם דעם גרויסען איסור און דאָס וואָס מיר שרייבען אייך, ווייל דאָס איז דעת תורה און הש"ית וועט אונז העלפען צו פארצאמען די אויפברעכונג פון אונזער דת. און מיר וועלען זוכה זיין אין דער דערהויבונג פון אונזער תורה הק' און אונזער הייליגען רעליגיאָן.

אגודת הרבנים האורתודוכסים דארצות הברית וקנדה.